בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת אמור
י"ט אייר שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 21
(36)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶונֶען בִּשְׁעַת 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ 'סִיּוּם מַסֶּכֶת תַּעֲנִית' הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל פוּן אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה נֵרוֹ יָאִיר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן מַעֲשֶׂה ח, מֵרַב וּבֶן יָחִיד.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ רָב. דֶער רָב הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד. אוּן עֶר הָאט אִים מְגַדֵּל גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט אִים חַתּוּנָה גִימַאכְט. דֶער בֵּן יָחִיד פְלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין אִיבֶּער שְׁטִיבְּל אוּן הָאט גִילֶערְנְט. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַמָאל דֶער סֵדֶר, וֶוען קִינְדֶער הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי גֶעוואוֹינְט בַּיים טַאטֶען אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן שְׁטָאק.

אוּן פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוְועֶנֶען תָּמִיד. נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גִיפִילְט אַז סֶע פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ חִסָּרוֹן. אוּן הָאט נִיט גִיוואוּסְט וָואס. אוּן עֶר הָאט נִיט גִיפִילְט קֵיין טַעַם אִין דֶעם לֶערְנֶען אוּן אִין דֶעם דַאוְועֶנֶען. הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי יוּנְגֶע לַייט. הָאבְּן זֵיי אִים אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. אַז עֶר זָאל פָארִין צוּ דֶעם אוּן דֶעם צַדִּיק.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוער דֶער רָב אִיז גֶעוֶוען, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם רָב. דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט דֶעם רָב'ס בֵּן יָחִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶועֶנְט אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קֵיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי, תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז עֶר זָאל פַאְרן צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק שְׁפִּירְט אִין אַלֶעס אַ טַעַם אוּן אַ חַיּוּת.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָבֶּער צוּגֶעלֵייגְט: דֶער מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט דֶערְצֵיילְט סְתָּם צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט, נָאר דָאס הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ מְחַזֵּק זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים, וַוייל וֶוער עֶס וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן גֵייט אַרִיבֶּער מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניִגֶער, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן גְרִינְג, אָבֶּער דִי אַלֶע מְנִיעוֹת זֶענֶען אַ טוֹבָה פַאְרן מֶענְטְשׁ וַוייל וִוי מֶער מְנִיעוֹת מֶען הָאט וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב, אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִּיק.

אוּן דֶער בֵּן יָחִיד הָאט גִיטָאן אַ מִצְוָה. וָואס דוֹרְךְ דֶער מִצְוָה אִיז

<<<

## חִינּוּךְ וִוינְקְל

גענומען פונעם קונטרס "אידישקייט איז שיין"

### פַארְוָואס נֶעמְט עֶר דִי אוּמְרֵיינֶע וַואסֶער?

מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי תַּלְמִידוֹת; מֶען זָאגְט זֵיי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער; מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט. דָאס אִיז דֶער עִיקָר, רֶעדְן אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "וָואס גֶעבְּט 'בְּרֶסְלֶב'? וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן 'בְּרֶסְלֶב' אוּן אַנְדֶערֶע חַסִידוּת'עֶר?" וֶועט אֵיינֶער זָאגְן, בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מִיר אוֹיס 'לֶערְנֶען' - דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וָואר, וַוייל אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער לֶערְנְט מֶען דֶען נִישְׁט? בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מִיר אוֹיס 'דַאוֶונֶען' - אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער דַאוֶונְט מֶען דֶען נִישְׁט? בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מִיר אוֹיס 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' - אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער אִיז נִישְׁטָא קֵיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם? וָואס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק, מִיט וָואס אִיז דֶער רֶבִּי אַנְדֶערְשׁ? - דֶער חִילוּק אִיז אַז דֶער רֶבִּי מַאכְט דָאס אַלֶעס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, עֶר מַאכְט מֶען זָאל 'וֶועלְן' דַאוֶונֶען, מֶען זָאל 'וֶועלְן' לֶערְנֶען.

אִיךְ וֶועל אָנְכַאפְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל, 'צְנִיעוּת'; דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּקְן אָן צְנִיעוּת וִוי נִישְׁט קֵיין שֵׁיינֶע זַאךְ, דָאס קוּמְט וַוייל זֵי הָאט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ פוּן צְנִיעוּת נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, דָאס מַאכְט זֵי זָאל וֶועלְן אַוֶועק לוֹיפְן דֶערְפוּן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פַאר זִיךְ צוּ טְרִינְקֶען פֵיינֶע וַואסֶער אוּן אוּמְרֵיינֶע וַואסֶער, אוּן וֶועלְט אוֹיס דִי אוּמְרֵיינֶע וַואסֶער, פַארְוָואס נֶעמְט עֶר דִי אוּמְרֵיינֶע? עֶס מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס הָאט עֶר גֶעלִיטְן פוּן דִי גוּטֶע וַואסֶער, מֶען הָאט אִים גֶעפַּייִנִיגְט צוּ טְרִינְקֶען גוּטֶע וַואסֶער, דֶערְפַאר וִויל עֶר יֶעצְט לוֹיפְן צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גוּט.

### אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין גַן עֵדֶן

דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז צוּ וַוייזְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז שֵׁיין, עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, עֶס אִיז גוּט צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז שֵׁיין צוּ גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן; נִישְׁט אַז מֶען מוּז גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט מֶען פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנֹּם, אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטוּן אֵיידְל נִישְׁט וַוייל אִיךְ דַארְף גַן עֵדֶן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין גַן עֵדֶן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין גֵיהִנֹּם, אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וַוייל דָאס אִיז שֵׁיין, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט - דָאס אִיז שֵׁיין.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אִינְגְלֶעךְ; אִיךְ גֵיי מִיט פֵּיאוֹת, וַוייל פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל גֵיין אַזוֹי, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין גַן עֵדֶן פַאר מַיין פֵּיאוֹת, דָאס אִיז מַיין גַן עֵדֶן - אַז אִיךְ גֵיי וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

עֶר גִיקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה מָאוֹר הַקָּטָן.

אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּן יָחִיד אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט זַיין פָּאטֶער. כַּאֲשֶׁר עֶר פִּילְט נִיט קֵיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדָה (כְּלוֹמַר אִין דֶעם וָואס עֶר דִינְט גָאט דְהַיְינוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת) אוּן סֶע גֵייט אִים אָפּ אוּן עֶר וֵוייסְט נִיט וָואס. כְּכֵן. ווִיל עֶר פָּארִין צוּ דֶעם צַדִיק (וָואס מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט כַּנַ"ל) הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיעֶנְפֶערְט. ווִי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָּארִין דוּ בִּיסְט זִיךְ מֶער לַמְדָן פוּן אִים. אוּן מֶער מְיוּחָס פוּן אִים. סֶע שְׁטֵייט דִיר נִיט אָן צוּ אִים צוּ פָּארִין. גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג. בִּיז דֶער פָּאטֶער הָאט אִים נִיט דֶערְלָאזְט צוּ פָּארִין צוּם צַדִיק. הָאט זִיךְ דֶער בֶּן יָחִיד ווִידֶער גִיזֶעצְט לֶערְנֶען. הָאט עֶר ווִידֶער גִיפִילְט דֶעם חִסָרוֹן. כַּנַ"ל. הָאט עֶר ווִידֶער אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטִין מִיט דִי מֶענְשְׁן. הָאבִּין זֵיי אִים ווִידֶער דִי עֵצָה גִיגִיבְּן אַז עֶר זָאל פָּארִין צוּ דֶעם צַדִיק. אִיז עֶר ווִידֶער גִיגַאנְגֶען צוּוּם פָּאטֶער. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער ווִידֶער אָפּ גִישְׁלָאגִין. אוּן הָאט אִים נִיט דֶערְלָאזְט. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל. אוּן דֶער בֶּן יָחִיד הָאט אַלְץ גִיפִילְט אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ. אוּן הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט עֶר זָאל מְמַלֵא זַיין דֶעם חִסָרוֹן (כְּלוֹמַר עֶר זָאל מִיט עֶפֶּעס פַארֶעכְטְן אַז סֶע זָאל אִים נִיט אָפּ גֵיין) אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גְווּאוּסְט וָואס דֶער חִסָרוֹן אִיז. כַּנַ"ל. אִיז עֶר נָאךְ אַמָאל גִיקוּמֶען צוּם פָּאטֶער אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. בִּיז דֶער פָּאטֶער הָאט גִימוּזְט מִיט אִים פָּארִין. וָוארִין דֶער פָּאטֶער הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אַלֵיין לָאזִין פָּארִין מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען בַּיי אִים אַ בֶּן יָחִיד.

הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיזָאגְט זֶעה אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָּארִין. וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַז עֶר אִיז גָאר נִישְׁט (כְּלוֹמַר אַז דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט).

יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט פַארְוָואס צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל אוֹיבּ פָּארְט מֶען צוּם צַדִיק נִישְׁט מִיט אַן אֶמֶת, מֶען פָּארְט נָאר כְּדֵי אוֹיפְצוּוַוייזְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶועְרְד דֶעמָאלְט וֶועט מֶען טַאקֶע טְרֶעפְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶועְרְד, ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מַכּוֹת י:): "בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גֵיין, אוֹיף דֶעם וֶועג פִירְט מֶען אִים; אַז דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ טְרֶעפְן רַאֲיוֹת אַז דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט קֵיין צַדִיק וֶועט מֶען אִים פִירְן אוֹיף דֶעם וֶועג, אוּן עֶר וֶועט טַאקֶע טְרֶעפְן רַאֲיוֹת אוֹיף דֶעם.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע בְּרִיו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין רֶבִּי'ן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל' סִימָן קד); דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע בְּרִיו, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶ'ער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דָאס לֶערְנֶען ל"ד בָּעֹמֶר, בְּיוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן רֶבִּי מֶענְדְלֶ'ע מְרִימְנוֹב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, בְּשַׁעַת עֶר הָאט עֶס גֶעלֶערְנְט הָאט גֶערִינֶען טְרֶערְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן; אִיךְ פְלֶעג אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיו אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בְּרִיו, עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט ווִי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַ סֵדֶר בַּיים זַיין רֶבִּי'ן, אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעזִיצְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע יִרְאָה, עֶר רֶעכְנְט אוֹיס עֶטְלִיכֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, צְווִישְׁן זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעלַאנְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר.

דֶערְנָאךְ שְׁרַייבְּט עֶר זֵיי, זֵיי זָאלְן אַלֵיין קוּמֶען צוּ זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער עֶר לֵייגְט צוּ: "וְלֹא תְּהֵא בִּיאָתוֹ רֵיקָנִית בַּעֲבוּר לְנַסּוֹת אֶת רַבֵּינוּ הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבּוֹ, שֶׁאָז תִּהְיֶה יְצִיאָה כְּבִיאָה", מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צִי עֶר אִיז טַאקֶע אַ צַדִיק אָדֶער נִישְׁט, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, "רַק כָּל מְגַמַּת פָּנָיו יִהְיֶה לַעֲלוֹת וְלֵרָאוֹת אֶת פְּנֵי הָאָדוֹן ה' צְבָאוֹת הַשּׁוֹכֵן בְּקֶרֶב חֲסִידָיו לִלְמֹד מִמַּעֲשֵׂיהֶם וּלְהִדַּבֵּק בְּדַרְכֵיהֶם וּבְמִידוֹתֵיהֶם",

זֵייעֶר גַאנְצֶע צִיל מִיטְ'ן קוּמֶען זָאל זַיין נָאר זִיךְ צוּ לֶערְנֶען פוּן אִים אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עַיֵין שָׁם, וַוייל אוֹיבּ מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק כְּדֵי אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעמָאלְט אִיז שָׁאד דָאס גַאנְצֶע קוּמֶען וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט זִיכֶער מַאכְן מֶען זָאל זֶען דָאס פַארְקֶערְטֶע.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר טוּט נָאךְ וָואס עֶר טוּט נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער עֶר שְׁרֵייט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן עֶר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט, אֵיינֶער וָואס זוּכְט וואוּ עֶר קֶען טְרֶעפְן רַאֲיוֹת אוּן קַשְׁיוֹת קֶעגְן צַדִיקִים רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער וואוּ עֶר קֶען טְרֶעפְן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועט מֶען אִים הֶעלְפְן פוּן הִימְל עֶר זָאל דָאס טְרֶעפְן.

הָאבִּין זֵיי אַיין גִישְׁפַּאנְט דִי בְּרִיקֶע אוּן זֶענֶען גִיפָארִין. הָאט דֶער פָּאטֶער צוּם זוּן גִיזָאגְט. דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּבְן. וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירִין כְּסֵדֶר. אִיז עֶס מִן הַשָּׁמַיִם. אוּן אַז נִיט. אִיז נִיט מִן הַשָּׁמַיִם אַז מִיר זָאלִין פָארִין. וֶועלִין מִיר זִיךְ אוּמְקֶערִין.

אֵיי אֶפְשָׁר אִיז עֶס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ גֵייט אַלֶעס כְּסֵדֶר אָן קֵיין שׁוּם שְׁוֶועריקֵייטְן דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אִיבֶּערְטְרַאכְטְן צִי דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ דַארְף קוּמֶען מִיט מְנִיעוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כב): וֶוען עֶס אִיז דָא אַ קוֹל דִקְדֶשָׁה וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אַ קוֹל הֲבָרָה, עֶס קוּמְט הִתְנַגְדוּת. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען פְּרַאטֶעסְטְן אוּן פַּאשְׁקֶעוִוילְן אִין אַלֶע גַאסְן וְכוּ', וֶוען אִיךְ פְלֶעג אַרַיינְגֵיין צוּ מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט עֶר מִיר פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קוֹל הֲבָרָה, וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס, וַוייל אוֹיבּ עֶס רִידֶערְט זִיךְ וְכוּ' אִיז אַ סִימָן אַז עֶס אִיז אַ קוֹל דִקְדֶשָׁה. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: אֵיינֶער וָואס טוּט אוֹיף מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה דַארְף מֶען חוֹשֵׁשׁ זַיין אוֹיף אִים 'אֶפְשָׁר אִיז עֶר פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא רַחֲמָנָא לִצְלָן', אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט עֶר אַרִיבֶּער מְנִיעוֹת פוּן גַאס אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז עֶר אִיז פוּן דִי צַד הַקְדוּשָׁה, וַוייל דִי מְנִיעוֹת וַוייזְט אִיבֶּער אַז דָאס וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט, וֶוען נִישְׁט וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין מְנִיעוֹת.

מֶען זֶעט אִין סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִיבֶּעראַל וואוּ דֶער רֶבִּי ווִיל גֶעבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן טוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֶעבְּט עֶר אַלְץ דֶעם בֵּיישְׁפִּיל פוּן פָארְן צוּם צַדִיק הָאֱמֶת; קוּק אַרַיין אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן סו), זָאגְט דָארְט דֶער רֶבִּי: "כִּי כְּשֶׁאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת דָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ לְיַהֲדוּתוֹ, בִּפְרָט כְּשֶׁצָּרִיךְ לוֹ לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ, שֶׁכָּל יַהֲדוּתוֹ תָּלוּי בָּזֶה - כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְצַדִּיק אֲמִתִּי", וַוייל וֶוען אַ אִיד דַארְף טוּן אַ זַאךְ וָואס זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר דַארְף גֵיין צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס מֶערְסְטֶע פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶוען מֶען ווִיל קוּמֶען צוּם צַדִיק, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן.

זֶענֶען זֵיי גִיפָארִין. ווִי זֵיי זֶענֶען גִיפָארִין זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְלֵיין בְּרִיקִיל. אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין אַ פֶערְד אוּן דִי בְּרִיקֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיקֶערְט. אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיר דֶערְטְרוּנְקֶען גִיוָוארִין. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיזָאגְט זֶעהְסְטוּ אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִיט כְּסֵדֶר. אוּן דִי נְסִיעָה אִיז נִיט מִן הַשָּׁמַיִם. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט.

הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער בֶּן יָחִיד גִיזֶעצְט לֶערְנֶען אוּן הָאט ווִידֶער גִיזֶעהְן אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ. אוּן עֶר וֵוייסְט נִיט וָואס. הָאט עֶר ווִידֶער מַפְצִיר גִיוֶוען דֶעם פָּאטֶער. הָאט דֶער פָּאטֶער גִימוּזְט מִיט אִים נָאךְ אַמָאל פָּארִין. ווִי זֵיי זֶענֶען גִיפָארִין. הָאט דֶער פָּאטֶער ווִידֶער גִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּב אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיבּ סֶע וֶועט זִיךְ פִירִין כְּסֵדֶר (וְכוּ' כַּנַ"ל). ווִי זֵיי

זֶענֶען גִיפָארִין זֶענֶען צוּבְּרָאכִין גִיוָוארִין בֵּיידֶע אַקְסִין.

'אַקְסִין' - דָאס אִיז דִי הָאלְץ וָואס בַּאהֶעפְט דֶעם פֶערְד צוּם וָואגְן.

הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיזָאגְט. זֶעה אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן פָּארִין. וָוארִין אִיז דָאס דֶען אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע. אַז בֵּיידֶע אַקְסִין זָאלְן צוּבְּרָאכִין וֶוערִין. וִויפְל מָאל מְאִיז גִיפָארִין מִיט דֶער בְּרִיקֶע. אָון סֶע הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִיט גִיטְרָאפִין. הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער אוּם גִיקֶערְט.

הָאט זִיךְ דֶער בֶּן יָחִיד וִוידֶער גִינוּמֶען צוּם לֶערְנֶען כו' כַּנַ"ל. אוּן הָאט וִוידֶער גִיפִילְט דֶעם חִסָרוֹן כַּנַ"ל אוּן דִי יוּנְגֶע לַייט הָאבִּין אִים אַלְץ אָנְגִירֶעט אַז עֶר זָאל פָּארִין. אִיז דֶער בֶּן יָחִיד וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּם פָּאטֶער. אוּן הָאט אִים וִוידֶער מַפְצִיר גִיוֶוען. הָאט עֶר גִימוּזְט נָאךְ אַמָאל מִיט אִים פָּארִין. הָאט דֶער בֶּן יָחִיד צוּם פָּאטֶער גִיזָאגְט. אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִיט שְׁטֶעלִין אוֹיף אַזוֹי אַ פְּרוּב. וָוארִין דָאס אִיז אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע. אַז סֶע פַאלְט אַמָאל אַ פֶערְד אַרָאפּ. אָדֶער סֶע וֶוערִין אַקְסִין צוּ בְּרָאכִין. סַיידִין סֶע וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ ווִילְדֶע זַאךְ.

דָא הָאט דֶער זוּן גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, אוּן דָאס הָאט גוֹרֶם גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם צַדִיק, וַוייל אֵיינֶער וָואס וִויל בֶּאֱמֶת קוּמֶען צוּם צַדִיק טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, וָואס עֶס זָאל נָאר אוּנְטֶערְקוּמֶען סַיי ווֶעלְכֶע מְנִיעָה, אֲפִילוּ חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶבַע, טָאר עֶר זִיךְ לָאזְן דֶערְפוּן נָאר וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם צַדִיק. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרָשַׁת וַיֵרָא, סִימָן כב) דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג מִיט יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵדָה; קוֹדֶם הָאט זִיךְ דֶער שָׂטָן פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן פְּרוּבִּירְט אִיבֶּער צוּ רֶעדְן אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר זָאל נִישְׁט שֶׁחְטְ'ן יִצְחָק, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעְן אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ יִצְחָק פְּרוּבִּירְנְדִיג אִים אִיבֶּער צוּ רֶעדְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעְן אַז יִצְחָק הֶערְט אִים אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיס, הָאט עֶר גֶעמַאכְט עֶס זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע טַייךְ פַאר זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען וַוייטֶער גֵיין, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם נָאר זֵיי זֶענֶען אַרַיין טִיף אִינֶעם טַייךְ בִּיז דִי וַואסֶער הָאט דֶערְגְרַייכְט בִּיזְ'ן הַאלְז, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דִי וַואסֶער דֶערְגְרַייכְט שׁוֹין בִּיזְ'ן הַאלְז" הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט דֶעם טַייךְ. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֲפִילוּ פוּן ווִילְדֶע זַאכְן, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט טוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט, עֶר וֶועט בַּאשַׁאפְן גֵייעֶ וַואסֶערְן וְכַדוֹמֶה, אַבִּי אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, עֶר בְּרֶעכְט דָאס אַלֶעס דוּרְךְ, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

זֶענֶען זֵי גִיפָארִין. אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען נֶעכְטִיגְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע הָאבִּין זֵיי דָארְט גִיפוּנֶען אַ סוֹחֵר. הָאבִּין זֵיי מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחְרִים. אוּן הָאבִּין אִים נִישְׁט גִיזָאגְט אַז זֵי פָּארִין אַהִין (צוּ אֵיין גוּטִין יְהוּדִי) וָוארִין דֶער רָב הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט צוּ זָאגִין אַז עֶר פָּארְט צוּ דֶעם גוּטִין יְהוּדִי. אוּן זֵיי הָאבִּין גִישְׁמוּסְט וֶועלְט זַאכִין. בִּיז אִין דִי רֵייד הָאבִּין זֵיי אָן גִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין פוּן גוּטֶע יוּדִין. וִוי סֶע גִיפִינֶען זִיךְ גוּטֶע יוּדִין. הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיְינוּ דֶער סוֹחֵר) אַז דָארְט גִיפִינְט זִיךְ אַ גוּטֶער יְהוּדִי אוּן דָארְט. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם גוּטִין יְהוּדִי וָואס זֵיי פָּארִין צוּ אִים. הָאט דֶער סוֹחֵר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. דֶער (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי מְפַארְווּנְדֶערְט זִיךְ) עֶר אִיז זִיךְ אַ קַל (כְּלוֹמֶר נִיט קֵיין עֶרְלִיכֶער יְהוּדִי) אָט פָאר אִיךְ פוּן אִים. בִּין אִיךְ דֶערְבַּיי גִיוֶוען אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אֵיין עֲבֵירָה. הָאט זִיךְ דֶער פָּאטֶער אָנְגִירוּפִין (צוּם בֶּן יָחִיד) זֶעהְסְטוּ מַיין קִינְד וָואס דֶער סוֹחֵר דֶערְצֵיילְט לְפִי תּוּמוֹ (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז זִיךְ נִיט מְכַוֵין אִין מִיסְטְנֶע צוּ דֶערְצֵיילִין שְׁלֶעכְץ פוּן דֶעם גוּטִין יְהוּדִי נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) אָט פָּארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים (דְהַיְינוּ דֶער רָב מִיט דֶעם בֶּן יָחִיד).

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ טָעוּת פוּנֶעם זוּן, וָואס אִיז אַ חִילוּק וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי'ן, וָואס גֵייט מִיר אָן אַז דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז אַ קַל? עֶר בְּרֶענְגְט מִיר דָאךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

אִיז דֶער זוּן גִישְׁטָארְבְּן. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם פָּאטֶער. הָאט דֶער פָּאטֶער גִיזֶעהְן אַז עֶר שְׁטֵייט אִין גְרוֹיס כַּעַס הָאט דֶער פָּאטֶער אִים גִיפְרֶעגְט: פַאר וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אִין כַּעַס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער זוּן וָואס סֶע גִישְׁטָארְבְּן הָאט גִיעֶנְפֶערְט אִין חָלוֹם דֶעם פָּאטֶער) אַז עֶר זָאל פָּארִין צוּ דֶעם גוּטִין יְהוּדִי (וָואס זֵיי הָאבִּין גִיוָואלְט פְרִיר פָּארִין צוּ אִים) וֶועט עֶר דִיר זָאגִין פַאר וָואס אִיךְ בִּין אִין כַּעַס. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט סֶע אִיז אֵיין מִקְרֶה (כְּלוֹמֶר סֶע נָאר אַ חָלוֹם נִיט קֵיין אֱמֶת) נָאךְ דֶעם הָאט זִיךְ אִים וִוידֶער אַזוֹי גִחָלִימְט. הָאט עֶר וִוידֶער גִימֵיינְט סֶע אִיז אַ פַאלְטְשִׁיר חָלוֹם. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען דְרַיי מָאל. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין לֶערֶע זַאךְ אִיז עֶר גִיפָארִין אַהִין (דְהַיְינוּ דֶער רָב אִיז גִיפָארִין צוּם דֶעם גוּטִין יְהוּדִי וָואס עֶר אִיז פְרִיר גִיפָארִין מִיט זַיין זוּן אַהִין).

אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט עֶר וִוידֶער בַּאגֶעגִינְט דֶעם סוֹחֵר וָואס עֶר הָאט פְרִיר בַּאגֶעגִינְט. אַז עֶר אִיז גִיפָארִין מִיט זַיין זוּן. אוּן דֶער רָב הָאט אִים דֶערְקֶענְט. אוּן דֶער רָב הָאט גִיזָאגְט צוּם סוֹחֵר. דוּ בִּיסְט זִיךְ דֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִיזֶעהְן אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע. עֶנְפֶערְט עֶר אִים אַוַודַאי הָאסְטוּ מִיךְ גִיזֶעהְן אוּן עֶפְּעֶנְט אוֹיף דָאס מוֹיל. אוּן זָאגְט צוּ אִים. אַז דוּ ווִילְסְט הָאט שְׁלִינְג אִיךְ דִיךְ אַיין. זָאגְט עֶר צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער רָב צוּם סוֹחֵר) וָואס רֶעטְסְטוּ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט גִידֶענְקְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט גִיפָארִין מִיט דַיין זוּן. אוּן פְרִיר אִיז אַ פֶערְד אַרָאפּ גִיפַאלִין אוֹיף דֶער בְּרִיק הָאסְטוּ זִיךְ אוּם גִיקֶערְט. דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי אַקְסִין צוּבְּרָאכְן גִיוָוארְן דֶער נָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגִינְט. הָאבּ אִיךְ דִיר גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קַל. הַיְינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין זוּן גִיפְּטִירְ'ט. הַיְינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארִין. וָוארִין דֶער זוּן אִיז גִיוֶוען אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַקָטָן אוּן דֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט צוּ אִים פָּארִין עֶר אִיז אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַגָדוֹל. אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלִין זִיךְ גִיוֶוען אִין אֵיינֶעם צוּם אוֹיף קוּמֶען וָואלְט מָשִׁיחַ גִיקוּמֶען.

יֶעדֶער אֵיינֶער וַוארְט אוֹיף מָשִׁיחַ, פַארְוָואס דַארְף מֶען מָשִׁיחַ? וָואס וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן? מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס לֶערְנְט אוּנְז שׁוֹין דֶער רֶבִּי אוֹיס הַיְינְט.

הַיְינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט, אוֹיבּ מָשִׁיחַ וָואלְט שׁוֹין דָא גֶעוֶוען, אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, וָואס וָואלְט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט? זִיכֶער וָואלְט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גֵיי אִין אַ זַייט אוּן דֶערְצֵייל עֶס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן". אוּן אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט אִים גֶעפָאלְגְט אוּן גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, וָואלְט אִיךְ דָאךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים זָאגְן אַז עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וָואס וָואלְט עֶר מִיר יֶעצְט גֶעעֶנְטְפֶערְט? זִיכֶער וָואלְט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, בֶּעט אַזוֹיפִיל מָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן", - קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז מָשִׁיחַ'ס עֵצוֹת בַּאקוּמֶען מִיר יֶעצְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ, דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַלֶעס גֵיין פַארְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן הַיְינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גִפְּטִירְט. מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארִין. דֶערְוַוייל אִיז עֶר נֶעלָם גִיוָוארִין אִין דִי רֵייד. (כְּלוֹמֶר דֶער סוֹחֵר אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן גִיוָוארִין פְלוּצִים אִין דִי רֵייד) אָוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדִין. אִיז דֶער רָב גִיפָארִין צוּ דֶעם צַדִיק. אוּן הָאט גִישְׁרִיגְן גִיוַואלְד. חַבַל עַל דְאַבְדִין וְלֹא מִשְׁתַּכְּחִין (וֵויי אוֹיף דֶעם וָואס סֶע פַארְלוֹירִין גִיוָוארִין אוּן מֶע קֶען נִיט גִיפִינֶען).

אוּן דֶער סוֹחֵר אִיז גִיוֶוען דֶער ס"מ אַלֵיין. וָואס עֶר הָאט זִיךְ

פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין סוֹחֵר אוּן הָאט זֵיי אָפְּגְנַארְט אוּן דֶער נָאךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּאגֶעגִינְט מִיט דֶעם רָב. הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אַלֵיין גִירֵייצְט. נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גִיפָאלְגְט. וָוארִין אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע. פְרִיר רֶעט עֶר אָן דֶעם מֶענְשְׁן. אוּן אַז דֶער מֶענְשׁ פָאלְגְט אִים חַס וְשָׁלוֹם. רֵייצְט עֶר אַלֵיין זִיךְ דֶער נָאךְ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן אוּן אִיז זִיךְ אִין אִים אַלֵיין נוֹקֵם. נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גִיפָאלְגְט. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז מַצִּיל זַיין פוּן אִים. אוּן זָאל אוּנְז אוּם קֶערִין צוּם רֶעכְטִין אֱמֶת אָמֵן.

דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם מְנִיעָה; מֶען דַארְף וִויסְן אַז דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה אִיז 'לֵיצָנוּת', מִיט אַבִּיסְל לֵיצָנוּת קֶען מֶען פַארְלִירְן דֶעם גַאנְצְן רֶבִּי'ן, דֶעם גַאנְצְן חַיּוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין אִים, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּשְׁפַּייעֶן אַלֶע לֵיצָנוּת וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ תְּמִימוּת, לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוּן פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

## נָאר תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ

אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ אַלֶע הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט רֶעדְן אַבִּיסְל אִין עֶנְגְלִישׁ, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, וִויל אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט.

אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אִיז נָאר וַוייל עֶר וִויל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ; אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַ קַאר, אַ שִׁיף, אַ הוֹיז, גֶעלְט, עֶר פָארְט אַוֶועק צוּ הָאטֶעלְ'ן - אַלֶעס טוּט עֶר נָאר אַבִּי צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז עֶר טוּט אַזוֹיפִיל זַאכְן צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אָבֶּער עֶר וֵויסְט נִישְׁט אַז אָן תּוֹרָה וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, נָאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אֵיינְמָאל מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַאוֶוענְט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין אַלֶעס הָאבְּן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אָן תּוֹרָה וֶועט קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווִילַאנְג עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה קֶען עֶר נִישְׁט זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ, קֶען זַיין אַז גוֹיִם קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, דָאס וֵויס אִיךְ נִישְׁט וַוייל בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אָבֶּער אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אָן תּוֹרָה.

אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ לֶערְנֶען? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, מִיט דִי צַייט וֶועט זִיךְ דַיין קָאפּ עֶפֶענֶען אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, ווִילַאנְג גֵייסְטוּ זִיךְ נָאךְ נַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל יָארְן אוּן דוּ הַאלְסְט נָאךְ אִין אֵיין זָאגְן "אִיךְ זוּךְ אַ שִׁיעוּר", "אִיךְ זוּךְ אַ חַבְרוּתָא" הָאסְט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?! מִיר גֵייעֶן בְּקָרוֹב עֶנְדִיגְן 'מַסֶּכֶת פְּסָחִים' אוּן מִיר הֵייבְּן אָן אַ נֵייעֶ מַסֶּכְתָּא, 'מַסֶּכֶת שְׁקָלִים', פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דֶעם סֵדֶר? נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שַׁ"ס, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט סְתָּם, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט קֶען יֶעדֶער טוּן. קוּק דָא הָאבְּן מִיר אַ בָּחוּר, אַ חָתָן, וָואס הָאט שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס אוּן יֶעצְט הָאט עֶר מְסַיֵּים גֶעוֶוען 'מַסֶּכֶת תַּעֲנִית' הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל! דָאס אִיז מֶער בְּלֶעטֶער וִוי גַאנְץ שַׁ"ס! וַוייל הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אִיז דְרֵיי טוֹיזְנְט אוּן דְרַייסִיג בְּלַאט! [מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הָאט דְרַייסִיג בְּלַאט, הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל דְרַייסִיג - אִיז דְרֵיי טוֹיזְנְט אוּן דְרַייסִיג בְּלַאט], ווִידֶער גַאנְץ שַׁ"ס הָאט נָאר צְוֵויי טוֹיזְנְט זִיבְּן הוּנְדֶערְט אוּן נַיינְצְן בְּלַאט.

אוֹיךְ זִיצְט דָא נָאךְ אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר וָואס הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן מַסֶּכֶת 'תַּעֲנִית' אוּן מַסֶּכֶת 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' - הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף נָאךְ פֶּסַח אִינֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה [י' אִיָּיר] גֵייט עֶר מַאכְן נָאךְ אַ סִיּוּם אוֹיף הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶּכֶת 'חֲגִיגָה'!

[דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְךְ אַגַב דֶערְצֵיילְט וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן מִיט טַעֲנוֹת פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אִים 'פַארְכַאפְּט'... מֵילָא זַיינֶע בְּרוּדֶערְ'ס, אָבֶּער עֶר אִיז דָאךְ אַ בַּעַל כִּשְׁרוֹן...; וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶע'גַנֶבְ'עט אָדֶער עֶר הָאט מִיר בַּא'גַנֶבְ'עט... עֶר הָאט מִיר בַּא'גַנֶבְ'עט מַיין צַייט, מַיין מִשְׁפָּחָה; וִויפִיל צַייט גֵייט אַוֶועק פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה פַאר דִי בָּחוּרִים? מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט זֵיי, מֶען דַארְף זֵיי מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ הָאבּ גֶע'גַנֶבְ'עט? עֶר הָאט גֶע'גַנֶבְ'עט פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה - זֵייעֶר טַאטֶע. עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר וַוייל עֶר וִויל לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה. וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין פָּאלִיצֵיי? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין פָּאלִיצֵיי, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר, צִי דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא אוֹיבּ עֶס וֶועלְן קוּמֶען דִי פָּאלִיצֵיי..." אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אִין יְשִׁיבָה].

יֶעצְט קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן דִי פְרוּיעֶן מַאכְן פֶּסַח'דִיג, מֶען שְׁרֵייט: "גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא, מֶען קֶען דָא שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, עֶס אִיז שׁוֹין פֶּסַח'דִיג..." דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר שְׁרַייבְּט דָאס שׁוֹין אִין אַ תְּשׁוּבָה (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת חֲתַם סוֹפֵר, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן קלו): "וְהָיִיתִי חוּץ לְחֶדֶר לְמוֹדִי, כִּי גֵרְשׁוּנִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת הַמְכַבְּדִים לַיּוֹם טוֹב שֶׁל פֶּסַח, עַל כֵּן לֹא יָכֹלְתִּי לְהַאֲרִיךְ כְּכָל הַצּוֹרֶךְ", דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת הָאבְּן מִיר פַארְטְרִיבְּן פוּן מַיין שְׁטוּבּ וואו אִיךְ לֶערְן שְׁטֶענְדִיג וַוייל מֶען הָאט דָאס אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט לְכָבוֹד דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח.

[דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן: "דוּ הָאסְט אַוַודַאי גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ זָאג 'עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ' וַוייל עֶס טוּט זִיךְ מֶען רֶעדְט אִין גַאס אַז מֶען גֵייט אַיינְזֶעצְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין תְּפִיסָה וַוייל מֶען מַאכְט חֲתוּנָה יוּנְג וְכוּ'... - נִישְׁט פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ, דָאס מַאכְט נִישְׁט שְׁוֶוער דֶעם וָואךְ, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס, דֶער עִיקָּר וָואס דַארְף אָנְגֵיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶס זָאל זַיין רוּאִיג בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הָאט סַבְלָנוּת דֶעמָאלְט גֵייט נִישְׁט אָן וָואס אַנְדֶערֶע רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן...]

לָאמִיר אַהֵיים גֵיין מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.